# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת קרח, ה' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 37 (756)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:12
מוצאי שבת קודש............9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................יהושע ב'
בבלי.........................חולין נ"א
ירושלמי..........בבא מציעא ה'
תוספתא.......................גיטין ז'
רמב"ם.........................שבת ל'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ.

מֶען זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדְל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### רֵיינֶע לוּפְט

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז דִי יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס פָארְן אַוֶועק אִין דִי זוּמֶער וָואכְן פוּן שְׁטָאט צוּ דִי בֶּערְג, דָארְט צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אִיז זֵייעֶר רֵיין, מֶען קֶען דָארְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נב), אַז עֶס טוּט שָׁאטְן פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה, אוּן מֶען קֶען וֶוערְן מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען נִישְׁטָא דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן נַארִישְׁקֵייטְן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט וָואס דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ זוּמֶער צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אִין בֵּיימֶער פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דַיינֶע טֶעג צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, פִיר זִיךְ מִיט הַכְנָעָה צוּ דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר, אוּן גֵיי נִישְׁט קֶעגְן דִי תַּקָּנוֹת הַיְשִׁיבָה, הַאלְט זִיךְ צוּ דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה אוּן צוּ וָואס זֵיי זָאגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶע נָאמֶען, דוּ וֶועסְט הָאבְן חֵן בַּיי יֶעדְן

<<<<<<

## א גוט ווארט

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי רַייכֶע פַארְמֶעגְן וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְן, אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה, אַ וַוייבּ מִיט טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עַשִׁירוּת, דָאס אִיז אֶמֶת'עֶ רַייכְטוּם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע, מַיין מַאמֶע'ס מַאמֶע, דָאס אִיז גֶעוֶוען וָואס זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע"; אִיךְ הָאבּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עַשִׁירוּת. וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען צוּ אִיר הָאט זִי מִיר דָאס אַלְץ גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע"; זִי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, זִי הָאט עֶס גֶעמֵיינְט עֶרְנְסְט, אוּן אֲפִילוּ אִין שְׁטוּבּ אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פָּשׁוּט, הָאט מֶען אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען הָאט דִי רַייכְסְטֶע בַּאבֶּע, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עִיקָר, צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַזוֹי לֶעבְן, זָאלְסְט זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁכּוֹחַ פַאר דַיין שְׁטוּבּ, אוּן נָאר בֶּעטְן פַאר וַוייטֶער, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן חַתּוּנָה הָאבְן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין עַשִׁירוּת, גֶעלְט אִיז רִינְדִיג; אֵיין טָאג הָאט מֶען, אֵיין טָאג נִישְׁט, עֶס דְרֵייט זִיךְ פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן; עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת – דָאס בְּלַייבְּט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# שְׁטְרֶענְגֶער טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח (קֹרַח בְּא״י),
כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאָב דוּ הָאסְט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער טַאטֶע אוּן צֶעקְוֶועטְשְׁן קִינְדֶער, מֶען דַארְף פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַרוֹיסְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי מַאכְן גֶעשְׁמַאק.

יֶעצְט אִיז נֵייעֶ צַייטְן, הָאסְט קִינְדֶער טִינֶעידְזְשֶׁערְס (צֶענֶערְלִינְגֶען), דַארְפְסְטוּ אַרוֹיס גֵיין מִיט זֵיי, מַאכְן גֶעשְׁמַאק פַאר זֵיי, שְׁפַּאצִירְן, אַיינְקוֹיפְן, זִיךְ אוֹיסְבְּלָאזְן, אוֹיסְלוּפְטֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ זָאגְן ׳נִישְׁט׳ אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אוֹיפְן קִיאָסְק, אוֹיף דִי חַבְרְ׳טֶע, אוֹיף יֶענֶע חַבְרְ׳טֶע; אָבֶער אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי גֶעלְט, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן שַׁבָּת אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, נֶערְוֶועז, פְּסָקִים, קְרִיטִיק; אִיז וֶוען מֶען זָאגְט ׳נִישְׁט׳ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן – הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס רַאטֶעוֶועוֶן, גֵיי מִיט דַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אֵיין מָאל אַ וָואךְ זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין מֶערְכְטִיג שֶׁבְּמֶעכְטִיג, אַז זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן זֵיי הֶערְן וָואס דוּ זָאגְסְט אוּן וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט גֵיין אוּנְטֶער דַיין רוּקְן, זֵיי וֶועלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

הָעִיקָר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּב, גֶעבְּן דִי קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֶען אִין זֵיי גוּטְס, דֶעמָאלְט הֶערְן זֵיי אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן, דֶעמָאלְט אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, דַף קפו:): ״זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין״, ווארויל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן אוֹיס; נָאר אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז וֶוערְד – וִויל מֶען זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן, וִויל מֶען מַאכְן צוּפְרִידְן דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאָב דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר דָאס אַלֶעס, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס וֶועט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי מַצָּב רוּחַ פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ״ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

לט. מִי שֶׁדַּרְכּוֹ תָּמִיד לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, בִּזְכוּתוֹ מְבַטֵּל מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת מִגְּדוֹלֵי הַדּוֹר. וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ אַלֶעמָאל צוּ מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין מֶענְטְשְׁן, וֶועט זַיין זְכוּת מְבַטֵּל זַיין דִי פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר.

מ. מִי שֶׁמַּחֲזִיר רְשָׁעִים בִּתְשׁוּבָה, יִזְכֶּה לִשְׁמִירַת שַׁבָּת. וֶוער עֶס אִיז מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה דִי רְשָׁעִים, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן שַׁבָּת.

מא. גַּם אֵינוֹ נִזּוֹק מִנָּחָשׁ. אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן אַ שְׁלַאנְג.

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵיינֶעם; דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן אַלֶע בָּחוּרִים וֶועלְן דִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְרִימֶען, דוּ וֶועסְט זַיין בַּאלִיבְּט בַּיי אַלֶעמֶען.

זַיי צַייטְלִיךְ בַּיי דִי סְדָרִים, זַיי צַייטְלִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס אִיז דָא אַ שְׁוַואכְקֵייט בַּיי בָּחוּרִים צוּ פַּארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט, מֶען גֵייט שְׁלָאפְן טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער, מֶען זִיצְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט, שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, צַייטְלִיךְ בַּיי דִי סְדָרֵי הַיְשִׁיבָה, אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין; עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֵייג זִיךְ צַייטְלִיךְ, גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְּרִי, דוּ וֶועסְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין; דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פַארְן מֶענְטְשׁ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): ״יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָּא״, דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט אִיז דִי יוּנְגֶע יָארְן; אוּן אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

### גוּטֶע מִידּוֹת

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵוייצוּ טוּן אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי זוּמֶער וָואכְן וֶוען מֶען אִיז אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, מֶען אִיז מִיט חֲבֵרִים בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט - דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵוייצוּ טוּן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, אוּן אַז אִין דַיין שְׁלָאף צִימֶער הָאט מֶען אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג וִוי דִיר, אַ בָּחוּר וָואס מַאכְט נֶערְוֶועז וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן זַאכְן וָואס דוּ וֶועסְט דַארְפְן בַּאצָאלְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז בְּמֶשֶׁךְ דֶעם לֶעבְּן, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן זַאכְן וָואס וֶועט אִים פַּארְשֶׁעמֶען.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה י:), עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זַיין גְרֵייט צוּ וֶוערְן פַּארְבְּרֶענְט אִין אַ קַאלֶעךְ אוֹיוְון וִוי פַּארְשֶׁעמֶען אַ חַבֵר; וַוייל פַּארְשֶׁעמֶען אַ חַבֵר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, מֶען בַּאצָאלְט אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז אוֹיף דֶעם; אַז דוּ קֶענְסְט עֶרְלֶעדִיגְן אֵיידֶעלֶערְהֵייט מִיט דִי מְנַהֵל, מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן מַשְׁגִּיחִים אַז מֶען זָאל אַרוּם טוֹישְׁן דִי בֶּעטְן וְכַדוֹמֶה - קֶענְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ בָּחוּר פוּן שְׁטוּבּ, אָדֶער מַאכְן שְׁפִּיצְלֶעךְ, וַוייל אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטְרָאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ פוּן הִימְל מִיטְן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ח:): ״בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ״; בַּיי דִי זַאךְ זֶעט מֶען אָפְן דִי הַשְׁגָּחָה, אוּן אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַסְתָּרָה, מֶען זֶעט זַאכְן פַּארְקֶערְט, אָבֶער בַּיי דִי זַאךְ זֶעט מֶען קְלָאר אוּן אָפְן: אַז ״אִית דִּין וְאִית דַּיָּין״, אוּן דֶער וָואס רוֹדְפְ׳ט אַ צְוֵוייטְן נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער זוּן, מַיין הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט קֵיינֶעם, טוּ נִישְׁט וֵויי קֵיינֶעם, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דִי זַאךְ פוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט וְכוּ׳, אוּן עֶס פַּאסִירְט וְכוּ׳, עֶר שְׁלָאפְט טִיף, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וֶוען עֶר דַארְף אַרוֹיס גֵיין וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּארְגִיסְן יֶענֶעמְ׳ס בְּלוּט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לא.): ״דְּעָלָךְ סָנֵי, לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבִיד״, וָואס דוּ הָאסְט אַלֵיינְס פֵיינְט, טוּ נִישְׁט פַאר דַיין חַבֵר; זָאלְסְט טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען מִיט דִיר אָדֶער מִיט דַיינְ׳ס אַ קִינְד, טוּ אַלֶעס אַז יֶענֶער זָאל נִישְׁט פַּארְשֶׁעמְט וֶוערְן.

(קוּנְטְרֵס קֶעמְפּ)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רנב)

### תתטז

פַּאר פּוּרִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט'), גָאר גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען זֶעט דָארְט וִוי אַזוֹי דִי חָכְמוֹת לֵייגְן צוּגְרוּנְד דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען פַאלְט אַרַיין טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְן וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְן מִיט תְּמִימוּת, וָואס דָאס קֶען אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן מֶען קֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע לֶעבְּן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט לִיכְטִיג אוּן זִיס בִּיז גָאר.

### תתיז

נָאךְ פּוּרִים הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע שְׁרִיפְט מִיט גָאלְדֶענֶע אוֹתִיּוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס דֶערְצֵיילְט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ כְּתַב?", אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער מִיטְ'ן אָרֶעמַאן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י'), גָאר אַ מוֹרָא'דִיגֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה, נָאר פוּן דִי רְמָזִים וָואס מֶען הָאט נָאכְדֶעם גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה רֶעדְט זִיךְ פוּנֶעם סוֹד הַגְּאוּלָה, וָואס מִיר וֶועלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת, אוּן פוּנֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי דִי נְשָׁמָה פוּן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ קוּמְט אַרָאפּ.

נָאכְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעוָוארְן גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ נִיגּוּן אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נ"א, ג') "כִּי נִחַם ה' צִיּוֹן" וְגוֹ'.

פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּמְט אַרוֹיס מוֹרָא'דִיגֶע גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת, דִי יִחוּד צְוִוישְׁן דִי נְשָׁמוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיטְ'ן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, וָואס יֶעצְט זֶענֶען זֵיי צֶעטֵיילְט אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת פוּן דִי כַּעַס פוּנֶעם רוֹצֵחַ, עֶר וַוארְפְט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַזַא צִיטֶער אוּן פַּחַד אַז עֶר זָאל מוֹרָא הָאבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, "אוֹיב וֶועסְטוּ שְׁרֵייעֶן, וֶועל אִיךְ דִיר גְלַייךְ דֶערְשְׁטִיקְן", אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן גַּאֲוָה פוּן דֶעם אָרֶעמַאן אִין שֵׂכֶל, אוּן כִּבְיָכוֹל אִיז פַארְשְׁלָאסְן אִין קֵייטְן וִוי בַּאקַאנְט, אוּן דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אֱמֶת'ן כְּתַב וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין הַאנְט, אִיז גֶעוָוארְן דִי יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ.

[וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אִיז דֶער כְּתַב דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס שְׁטֶעלְט צוּזַאם דֶעם יִחוּד פוּן דִי אִידְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן מְפַרְסֵם זַיין דִי סִימָנִים פוּנֶעם כְּתַב, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּן זִיךְ פַארְאֵיינִיגְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּרֶענְגְט צוּזַאם דִי נְשָׁמָה פוּן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ מִיטְ'ן אִידִישְׁן פָאלְק.

דֶער סַמֶךְ מֶם לָאקֶערְט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּהַאלְטְן דֶער וָואס אִיז טוּט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סִימָנִים פוּנֶעם כְּתַב, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר מַאכְן

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# שְׁטַארְבְּן אִיז טַאקֶע אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, כִּמְעַט יֶעדֶע נַאכְט הוֹיבּ אִיךְ אָן זֵייעֶר צוּ צִיטֶערְן פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הוֹיבּ אָן טְרַאכְטְן אַז נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, וֶועט מִיר סֵיי וִוי זַיין שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶוען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן קֶען מֶען דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דָארְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן.

שׁוֹין אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי מַחְשָׁבוֹת אַז קֵיינֶער קֶען דָאךְ סֵיי וִוי נִישְׁט זַיין פֶּערְפֶעקְט, יֶעדֶער וֶועט צוּם סוֹף לַיידְן אוּן בַּאקוּמֶען שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן נָאכְ'ן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל צוּ פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט, אִיךְ וֶועל דָאךְ סֵיי וִוי עֶנְדִיגְן נִישְׁט גוּט?

אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פָּשׁוּט פוּנֶעם שְׁטַארְבְּן אַלֵיין, וִוי אַזוֹי עֶס שְׁפִּירְט אוּן וָואסֶערֶע יִסוּרִים דָאס אִיז, אוּן וֶוען אִיךְ הוֹיבּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם קֶען אִיךְ מַמָּשׁ פַארְלִירְן דֶעם אָטֶעם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח (קָרַח בְּא"י), כ"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה, גֵיי נִישְׁט אִין בֶּעט אֵיידֶער דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל, זָאגְן דִי וִידּוּי, אָשַׁמְנוּ בָּגַדְנוּ וְכוּ' - דַארְפְסְטוּ מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן, וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב), אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן.

אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב', סִימָן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן? נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען וִויל אַיינְשְׁלָאפְן, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, עֶס הֵייבְּן אָן קוּמֶען דִמְיוֹנוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן וְכוּ' וְכוּ'?' אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, טְרַאכְט פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; דָאס הֵייסְט, בַּיים סוֹף וֶועט זַיין גוּט, אֲפִילוּ מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן, גֵייט מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"ו)

אוֹיף אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַחְלוֹקֶת אוּן שִׂנְאָה, מֶען פַּארְשִׁיקְט אִים אוּן מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים צְוֵויי הוּנְדֶערְט פַּרְסָאוֹת, אוּן אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת פַאר וֶועמֶען עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָאגְט דִי סִימָנִים פוּנֶעם כְּתַב, דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּער קֶעגְן אִים, מֶען רוֹדְפְּ'ט אִים אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ, פַּארְקֶערְט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אוּן עֶר זָאגְט אוֹיס פַאר נָאךְ אֵיינֶעם דִי סִימָנִים פוּנֶעם כְּתַב, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער דְרֵיידְט וִוידֶער אוֹיס דֶעם רוּקְן, עֶר הוֹיבְּט אָן רוֹדְפְ'ן אוּן רֶעדְן אוֹיף אִים, עֶר וַוארְפְּט אִים אוֹיךְ וַוייט אַוֶועק צְוֵויי הוּנְדֶערְט פַּרְסָאוֹת, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

דֶער וָואס גַארְטְלְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ מְגַלֶה זַיין אוּן מְפַרְסֵם זַיין אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם כְּתַב, דַארְף הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת, עֶר דַארְף זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן אַלֶע וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף קֶעגְן אִים פוּן אִינֶעוֵויינִיג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען צוּזַאמְבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ צוּ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

קוּקְט גוּט אַרַיין אִין דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִינֶעוֵוייניִג, וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דִי רְמָזִים וָואס אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן.]

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# פרישע אפדעיטס פונעם נייעם בנין אין אומאן

אנשי שלומינו גרייטן זיך שוין אין גרויסן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה תשפ"ז הבעל"ט. מ'קויפט שוין טיקעטס, מ'טשעקט איבער די פאספארטן צו זען אויב זיי זענען נאך גילטיג, אבער יעדער ווייסט אז דער עיקר הכנה איז תפילה. עס איז קלאר, אז אפילו אויב מען האט א פאספארט, געלט און געזונט, קען מען אן תפילות נישט אנקומען צום הייליגן רבי'ן.

צווישן די אלע הכנות, לעכצט דער עולם צו הערן פרישע אפדעיטס איבער'ן נייעם בנין אין אומאן. ווער עס איז נאר געווען אינעם ביז-יעצטיגן בנין די לעצטע פאר יאר, האט געשפירט אויף די אייגענע הויט די ענגשאפט וואס הערשט דארט. אפגערעדט פון די פילע נייע מקורבים וואס קומען צו יעדעס יאר און שרייען "למה נגרע", זיי ווילן אויך זיין אינעם בנין אינאיינעם מיטן ראש ישיבה, וואס דאס איז א געוואלדיגע תענוג רוחני וגשמי.

דער בנין געפינט זיך ווייט פונעם גאנצן געפילדער פון פושקינא, פון די הויפט גאסן אין אומאן, וואס דאס איז א געוואלדיגע זאך וואס ברענגט אן אומבאשרייבליכע הרחבת הדעת. בפרט ווען מען קומט מיט די קינדערלעך - אונזער שווארץ אפל פון אויג - קען מען דאך נישט צומאכן אן אויג אויב מען געפינט זיך אין אן אלגעמיינעם פלאץ, וואו מען קען נישט איבערלאזן א קינד אליין אפילו פאר איין מינוט. אבער דא, ביים ראש ישיבה'ס בנין, איז עס פיל רואיגער; מען האט די אייגענע ד' אמות, און מען זיך בעסער אפגעבן מיט די קינדער.

אויך אויף די גשמיות'דיגע זייט איז אלעס צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן אופן: א הערליכע גרויסע מקוה, דריי געשמאקע סעודות יעדן טאג, ברייטע צימערן צו שלאפן, און א פראכטפולער בית המדרש צו לערנען און דאווענען. דער הויכפונקט פונעם יום טוב איז בלי ספק דאס געשמאקע דאווענען מיט'ן ראש ישיבה, וועלכער דינט אלס בעל תפילה און דאווענט פאר'ן עמוד אזוי הארציג און ווארעם, וואס דאס איז מעורר יעדן איינעם צו תשובה. צוליב די אלע סיבות איז טאקע דא א שטארקע אינטערעסע ביים עולם צו הערן כסדר'דיגע אפדעיטס איבער דעם פארשריט פונעם נייעם בנין.

דעריבער זענען מיר פרייליך צו מעלדן אז די ארבעט רוקט זיך פאראויס מיט א שנעלן טעמפא. ברוך השם, מען האט שוין געענדיגט לייגן די "ריבאר" (די אייזענס), און מען האט שוין געגאסן די קאנקריט פאר די פוטינגס פונעם בנין.

אין א שמועס מיט די 'ברסלב'ע ברידער', די וועכנטליכע געשמאקע ליל שישי שמועס אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליניע, האט מען דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג ארויפגעברענגט ר' העניך אינדיג הי"ו, איינער פון די חשובע אינגעלייט וואס לייגט אריין אזויפיל שווערע כוחות צוצושטעלן אלעס פאר אנשי שלומינו אין אומאן אויפ'ן בעסטן פארנעם, און ער האט שיין און קלאר אויסגעשמועסט די פלענער פון די נייע בנינים די קומענדיגע פאר יאר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

מען קען עס הערן אויפ'ן טעלעפאן ליניע דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, 4 פון שמועסן און אנאליזן, און דערנאך 5 פאר די ליל שישי שמועסן, און דאן 182 פאר די שמועס פון פרשת שלח.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן דעפריס** הי"ו מאנסי
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו וויליאמסבורג
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***

מו"ה **דוד סאמעט** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***

מו"ה **יחיאל רייכמאן** הי"ו קענווי איילענד
**צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון**
החתן **יעקב רייכמאן** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **נתן חיים משיח** הי"ו מאנטשעסטער
***

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון**
החתן **אלעזר ארי' פעלבערבוים** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **דוד יודא איידליס** הי"ו קרית ברסלב
***

מו"ה **נפתלי יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
**צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון**
החתן **ישראל יאקאבאוויטש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יעקב אבעלעס** הי"ו אלעד
***

מו"ה **נפתלי אפפעלדארפער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון מאיר נ"י למזל טוב**


## פערזענליכע מעשיות

**אינטערעסאנטע פערזענליכע מעשיות**
**וואס מענטשן דערציילן ווי אזוי זיי זענען**
**געהאלפן דורכ'ן בעטן דעם אייבערשטן**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 4, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**